לזכר נשמת

הרה"ח וכו' מלאכתו מלאכת שמים

התמים ר' יהושע זעליג הכהן ע"ה

בן הרה"ח ר' משה זלמן הכהן ע"ה

בצמאן

נפטר ח"י אדר ה' שנת נח"ת

ת.נ.צ.ב.ה.

•

נדפס ע"י משפחתו שיחיו

כתובתנו באינטרנט: http://www.moshiach.net/blind

ספרי' — אוצר החסידים — ליובאוויטש

# לקוטי שיחות

•

מכבוד קדושת

## אדמו"ר מנחם מענדל

## שניאורסאהן

מליובאוויטש

## תשא

יוצא לאור על ידי מערכת

"אוצר החסידים"

770 איסטערן פּאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות חמשים ותשע לבריאה

שלש מאות שנה להולדת הבעש"ט - נח"ת-תשנ"ח

# תשא

א. אין דער היינטיקער סדרה ווערט דערציילט, אַז משה רבינו האָט געבעטן ביים אויבערשטן „הראני נא את כבודך"[1], און דער אויבערשטער האָט אים געענטפערט „לא תוכל לראות את פני גו' וראית את אחורי ופני לא יראו"[2].

שטעלט זיך רש"י אויף די ווערטער: „וראית את אחורי" און איז מפרש: „הראהו קשר של תפילין"[3].

ענינו של פירוש רש"י על התורה איז צו מפרש זיין פשוטו של מקרא[4]. דאַרף מען פאַרשטיין: וואָס איז דאָ שווער אין פשוטו של מקרא, וואָס צוליב דעם מוז רש"י מפרש זיין אַז „אחורי" מיינט „קשר של תפילין"[5]?

מען קען ניט ענטפערן אַז ביי רש"י'ן איז שווער — ווי פאַסט צו זאָגן דעם תואר „אחורי" ביים אויבערשטן (ווי־באַלד דער אויבערשטער איז מופשט פון יעדן ציור)? — ווייל אין דער תורה ווערן מערערע מאָל דערמאָנט תוארים (און אפי' גשמיים) כלפי דעם אויבערשטן, און מען געפינט ניט אַז רש"י זאָל זיך אָפּשטעלן אויף זיי און מסביר זיין[6], אַז (היות ס'איז ניט שייך צו נוצן אַזעלכע תוארים כלפי מעלה, דערפאַר איז דאָ דער פירוש ניט כפשוטו, נאָר) דער פירוש איז כך וכך;

און ווי מען זעט אין דעם ענין גופא: פריער שטייט „לא תוכל לראות את פני", און רש"י שטעלט זיך ניט אָפּ צו מסביר זיין דעם פירוש פון „פנים" למעלה; מוז מען זאָגן, אַז דאָס איז ניט אַן ענין וואָס רש"י שטעלט זיך אָפּ אויף דעם בפירושו על התורה — היינט פאַר־וואָס מוז רש"י אָפּטייטשן וואָס איז „אחורי"?

די שאלה איז נאָך שטאַרקער: אויב דאָס איז קשה ביי רש"י'ן אין פסוק (ווי פאַסט „אחורי" כלפי מעלה) — איז אין וואָס באַשטייט דער ענטפער „הראהו קשר של תפילין"? „קשר של תפילין" איז אויך אַ דבר גשמי וואָס ווערט גע־נוצט ווי אַ משל[7] אויף „אחורי" פון כבודו ית' (כמבואר במפרשים[8]) — היינט וואָס „פאַרדינט מען" פון מסביר זיין דעם בן חמש, אַז „אחורי" איז ניט כפשוטו (ווייל ביים אויבערשטן איז ניט שייך קיין תואר גשמי), נאָר דאָס מיינט „קשר של תפילין"?!

ואדרבה: אויב מען דאַרף געפינען אַ „משל" פאַרן בן חמש אויף „אחורי" פון כבודו ית' — איז דער משל פון „פנים" און „אחור" ביי אַן אדם למטה [זיין פנים איז דער אָרט וואו מ'זעט בגילוי מעלת האדם — זיינע חושים: ראי' שמיעה וכו', משא"כ אחורי האדם, וואו מ'זעט ניט בגילוי מעלת האדם און — אַז דאָס

1) לג, יח.
2) שם, כ־כג.
3) ברכות ז, סע"א. מנחות לה, ב.
4) רש"י בראשית ג, ח. שם, כד. ובכ"מ.
5) וראה רש"י בהעלותך (יב, ח) שסתם „ותמונת ה' יביט — זה מראה אחוריים כענין שנאמר וראית את אחורי".
6) ואדרבה, גם רש"י בפירושו משתמש בתוארים כו', כמו בפ' יתרו (כ, ב) „שנגלה כו' כגבור כו' כזקן כו'" (אלא שמבאר „ואני משתנה במראות"). ואכ"מ.
7) כפסק הרמב"ם הל' יסוה"ת פ"א ה"ט.
8) ראה ראב"ע כאן. גו"א וצידה לדרך (ועוד) לפרש"י כאן. מפרשים לע"י ברכות שם. ועוד.





(וואָס דאָס איז די סיבה פון חטאים כנ"ל).

און פון דעם ענין ווי ער איז ברוחניות — אַז אַ „קשר" רוחני איז מבטל די שייכות צו קליפה (מקור השכחה) — ווערט דערנאָך נשתלשל אויך אין גשמיות, אַז מאַכן אַ קניפּל גשמי העלפט צו מבטל זיין „שכחה" כפשוטה.

ז. און דאָס איז אויך די שייכות פון („וראית את אחורי"[36] —) הראהו קשר של תפילין" צום „סדר בקשת רחמים": בשעת דער אויבערשטער האָט גע־לערנט משה'ן דעם „סדר בקשת רחמים" (וואָס פועל'ט תיקון החטא), איז „הראהו" דעם תוכן הענין פון תיקון החטא, וואָס ווערט דורך „קשר של תפילין" — אַ שטאַרקע צוגעבונדנקייט (קשר) און זכרון של תפלין[37] (דקדושה כו'), ובפרט אַז אַלעס ווערט נתחדש בכל רגע פון אויבערשטן.

און דורך דעם וואָס מ'וועט באַ־וואָרענען זיך פון שכחה — דורך אַ זכירה כדבעי אין אַלע ענינים פון קדושה און אידישקייט — וועט מען בקרוב זוכה זיין צום קיום היעוד[38] „ונגלה כבוד ה' וראו כל בשר יחדיו כי פי ה' דבר":

מען וועט ניט דאַרפן אַנקומען צו ענין ה„זכרון", ווייל מען וועט זען[39] מיט די אייגענע אויגן ווי די גאַנצע בריאה („כל בשר") ווערט נתהווה בכל רגע דורך „פי ה' דבר", מאין ואפס המוחלט ממש,

בביאת משיח צדקנו, יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, במהרה בימינו ממש.

(משיחות מוצש"ק פ' תשא תשל"ט)
לקו"ש חכ"א ע' 232

36) ע"פ המבואר בלקוטי לוי"צ לזהר שם (ע' קלז־ח) השייכות של עשיית ה„קשרים" (שבזהר שם) לשם זכרון, להפסוק (שעליו הי' הדרוש) „והי' באחרית הימים נכון יהי' גו' בראש הרים" (ישעי' ב, ב. ועד"ז מיכה ד, א) — ש„אחרית" הוא בחי' אחוריים שממנה נמשך ענין השכחה, ו„ראש הרים" קאי על חכמה שהיא מוח הזכרון —
יש לפרש ג"כ השייכות של „וראית את אחורי" ל„סדר בקשת רחמים" (תיקון חטא) — כי מ„אחורי" נמשך ענין השכחה (סיבת החטא), ותיקונו הוא ע"י „וראית את אחורי" — ענין הראי' שמצד החכמה, שממנה הוא הזכרון.

37) שע"י תפלין „תהי' תורת ה' בפיך" (בא יג, ט), והוקשה כל התורה כולה לתפלין (קידושין לה, א).
38) ישעי' מ, ה.
39) ראה תו"כ לבחוקותי כו, מה. צפע"נ עה"ת (המלוקט) לשם. וש"נ.

## בשורת הגאולה

# סט.

**בדורנו זה — דער דור האחרון אין גלות און דור הראשון פון גאולה — לאחרי וואָס מ'האָט שוין דעם ריבוי הכי גדול פון „מעשינו ועבודתינו" פון אידן במשך כל הדורות והשנים שלפני זה, און איצטער האָט מען שוין פאַרענדיקט אויך די לעצטע בירורים — איז איצטער די הדגשה בעיקר ולכל לראש אויף דער סיום ושלימות וגמר העבודה — צו ברענגען דעם גימ"ל פון גאולה האמיתית והשלימה בפועל ממש!**

(משיחות לילות ג', ד', ה', ועש"ק וש"ק פרשת כי תשא, י"ד־י"ח אד"ר תשנ"ב)

בשעת זיי זיינען אַט ערשט באַשאַפן גע־וואָרן פון דעם אויבערשטן אַליין?

ואם כן, ווי קומט עס אַז עס זאָל זיך געפינען אַ איד וואָס פירט זיך אויף אַנדערש ווי דאָס וואָס זיין ידיעה ברורה איז אים מחייב? — איז דער ענטפער אויף דעם: ער ווייס טאַקע, אָבער בעת מעשה האָט ער אויף דעם פאַרגעסן.

בשעת דער ענין הזכירה איז ביים אידן כדבעי, ווערן בדרך ממילא בטל אַלע ענינים פון לעומת זה, און מ'איז מקיים תומ"צ בשלימות, ביז צו — "כל מעשיך יהיו לשם שמים" און "בכל דרכיך דעהו", און עס פאַלט אים גאָר־ניט איין קיין "מחשבת חוץ".

און דאָס איז דער טעם וואָס בשעת אמירת י"ג מדות דאַרף מען זיין עטוף — בטלית און (לויט ווי רש"י איז דאָ מפרש, אויך) תפילין — ווייל דער תוכן פון די צוויי מצוות איז פאַרבונדן מיט ענין הזכרון: "וראיתם אותו וזכרתם"[27], "והי' גו' ולזכרון בין עיניך"[28]. און דער־פאַר זיינען זיי נוגע צום תיקון ועקירת[29] החטא וואָס ברענגט דעם "וחנותי" און "ורחמתי".

ו. ע"פ הנ"ל וועט מען אויך פאַר־שטיין די שייכות פון "(הראהו) קשר של תפילין" — קשר דוקא — צום "סדר בקשת רחמים":

אין זהר פון היינטיקער סדרה[30] זאָגט ער אַז ר' חייא און ר' יוסי האָבן גע־מאַכט "קשרים" כדי צו ניט פאַרגעסן די דברי תורה וואָס זיי האָבן געהערט

[ואיתא באחרונים אַז דאָס איז אויך אַ מקור אין תורה[31] צו דעם וואָס "אמרי אינשי"[32], אַז מאַכן אַ קניפּל איז אַן עצה ניט צו פאַרגעסן אַ זאַך וואָס מ'וויל פאַרגעדענקען].

וואָס איז די שייכות פון "קשרים" צום ענין הזכרון? קען מען דאָס מסביר זיין ע"פ המבואר באגה"ת[33] אין דעם פירוש מאמר חז"ל[34] "אדם עבר עבירה כו' מה יעשה ויחי' אם הי' רגיל לקרות דף אחד יקרא ב' דפים כו'" — אַז דאָס איז "כמשל החבל הנפסק וחוזר וקושרו שבמקום הקשר הוא כפול ומכופל". דאָס הייסט, אַז דער ענין פון "קשר" ברוחניות איז ווען מ'פאַרבינדט זיך מיט אַן ענין מיט אַ פיל פאַכיקער[35] שטאַר־קייט, ביז אַז דער צונויפבונד איז אין אַן אופן פון "כפול ומכופל". און דערפאַר איז דאָס אַ תיקון אויף חטאים, ווייל ווען מען פאַרבינדט זיך מיט קדושה אין אַן אופן פון "קשר" איז ניט שייך שכחה

27) שלח טו, לט.
28) בא יג, ט.
29) ובטלה הסיבה (השכחה) — בטל המסובב והאפשריות ע"ז ו"לא ישוב לזה החטא לעולם" (רמב"ם הל' תשובה פ"ב ה"ב. ועד"ז בס' חסידים סי"ב). ובאגה"ת פ"א: שיגמור בלבו כו' לבל ישוב עוד לכסלה.
30) קצ, א. נת' בארוכה בלקוטי לוי"צ לשם.
31) וראה ג"כ ב"ר ס"פ וישב (וביפ"ת ועוד שם) ד"שר המשקים" הי' "קושר קשרים" שלא לשכוח את יוסף. ובטור או"ח ר"ס כד (ושו"ע אדה"ז שם) "כי עיקר מצותה (ציצית) על זכירת המצות כו' דוגמא לדבר כאדם המזהיר לחבירו על ענין אחד שקושר קשר באזורו כדי שיזכרנו וע"כ יש בה (בציצית) ה' קשרים כו'".
32) ראה ברכות מה, א. סוגיא ארוכה בב"ק (צב, א ושם).
33) ספ"ט.
34) באגה"ת שם "בתנא דבי אליהו". ובקיצורים והערות לתניא (ע' לט) "ע' ויקרא רבה פכ"ה ע"ש".
35) אף שמפרש ב' דפים במקום א' כו' — הרי כותב ג"כ "כפול ומכופל" (היינו לכה"פ ד' פעמים — ראה לקו"ש ח"ה ע' 111 הערה 39. ובארוכה לקוטי ביאורים לתניא (להר"י שי' קארף) ח"ב ע' שיח ואילך. אגה"ת עם ליקוט פירושים כו' (קה"ת) ע' שעד ואילך. לקו"ש ביאורים בלקוטי"צ על אגה"ת בסופו (סט"ז)). ואכ"מ.





געהערט בכלל צו אַן אדם] אַ סך גרינ־גער צו פאַרשטיין ווי דער משל פון "קשר של תפילין"[9]. — און בפרט אַז דאָס זיינען די זעלבע תוארים (ווער־טער) אין משל און אין נמשל.

אויך דאַרף מען פאַרשטיין אין לשון רש"י: פאַרוואָס איז ער מעתיק פון פסוק אויך דעם וואָרט "וראית", און אַזוי זאָגט ער אויך אין זיין פירוש "הראהו קשר כו'"? — רש"י איז דאָך מחדש נאָר בנוגע דעם וואָרט "אחורי: האָט ער גע־דאַרפט שרייבן בקיצור: "אחורי, קשר של תפילין"!

ב. דער ביאור אין דעם: איידער דער אויבערשטער האָט געענטפערט משה'ן (אויף זיין בקשה "הראני נא את כבודך") "לא תוכל לראות את פני גו'", שטייט אין פסוק[10]: "ויאמר אני אעביר כל טובי על פניך וקראתי בשם ה' לפניך וחנותי גו'", און ערשט דערנאָך איז געקומען נאָך אַן אמירה "לא תוכל לראות גו'".

וואָס פאַר אַ שייכות האָט די ערשטע אמירה צו בקשת משה "הראני נא את כבודך"? איז רש"י מפרש: "הגיעה שעה שתראה בכבודי מה שארשה אותך לראות לפי שאני רוצה וצריך ללמדך סדר תפלה . . אני אעביר כל מדת טובי לפניך על הצור . . וקראתי בשם ה' לפניך ללמדך סדר בקשת רחמים . . וכסדר זה שאתה רואה אותי מעוטף[11] וקורא י"ג מדות הוי מלמד את ישראל לעשות כן": און בהמשך לזה איז געווען די צווייטע אמירה "ויאמר לא תוכל לראות וגו'" — "אף[12] כשאעביר כל טובי על פניך איני נותן לך רשות לראות את פני".

קומט אויס אַז "וראית את אחורי" איז ניט קיין באַזונדער זאַך, נאָר אַ המשך הענין פון "אעביר כל מדת טובי כו'" — אַז די ראי' וואָס משה וועט זען דעם אויבערשטן "מעוטף וקורא" וועט זיך אויסדריקן אין אַן אופן און פאַרט־געזעצט ווערן מיט "וראית את אחורי".

ג. עפ"ז איז ניט פאַרשטאַנדיק וואָס מיינט דער פסוק מיט "וראית את אחורי": וויבאַלד דער אויבערשטער האָט זיך באַוויזן צו משה'ן (ווי אַ שליח צבור וואָס איז) "מעוטף" בטלית[13], און ראיית משה איז געווען (נאָך דעם "עברי"[14], ובמילא) בלויז מ"אחורי" — איז וואָס פאַר אַן ענין פון "תראה בכבודי" (עכ"פ אין אַן אופן פון "וראית את אחורי") איז דאָ געווען? ווען מ'איז "מעוטף" אין אַ טלית און מען קוקט אויף אים מאחוריו, פאַרשטעלט דאָך דער טלית אויף המתעטף בה.

[ווען אַ טלית וואָלט געדאַרפט גע־מאַכט ווערן פון ספּעציעלע טייערע זאַכן — ווי די בגדי כהונה וועלכע זיינען "לכבוד ולתפארת"[15] — וואָלט מען (אפשר) געקענט זאָגן, אַז ראיית כבודו ווי ער איז מעוטף בטלית איז אַ

9) הרמזים שבמפרשים הנ"ל אינם פשוטים כלל, ופשיטא — שלא עד כ"כ שרש"י אין צריך לפרש.
10) שם, יט.
11) טעמו של רש"י שהשמיט התיבות "שליח צבור" (שבר"ה יז, ב), שהרי אדרבא זה הי' לימוד איך שיתנהג ש"ץ.
12) לשון רש"י עה"פ.
13) ראה ר"ה שם: כשליח צבור. ובאליהו זוטא ספכ"ג: כש"ץ שמתעטף בטליתו (ולהעיר מחזקוני כאן שנתעטף בענן). וראה לעיל הערה 11.
14) שם, כג. וראה רש"י שם, כג. וראה לקו"ש ח"א (ע' 156) שאי"ז סתירה למ"ש רש"י לקמן (לד, ח) "כשראה משה שכינה עוברת" — כי זה הי' רק ראי' כללית כו', עיי"ש.
15) תצוה כח, ב.

ראי׳ אין כבודו ית׳ (הוית דער טלית איז „לכבוד ולתפארת״)[16].

מען געפינט אָבער ניט ביי טלית אַ תנאי אַז עס מוז געמאַכט ווערן פון טייערע זאַכן[17].

ואדרבא — מנהג ישראל וואָס תורה היא — אַז אַ טלית הש״ץ איז פון צמר, ובפרט לפי המפרשים „טלית״ אין דעם מחז״ל ווי אין „שנים אוחזין בטלית״ ובמחז״ל בכלל — לבוש].

אויף דעם ענטפערט רש״י „הראהו קשר של תפילין״: דער „רואה אותי מעוטף״ מיינט (ניט נאָר מיט אַ טלית, נאָר) אויך מיט תפילין — ווי דער בן חמש ווייס, אַז אַמאָל איז אַ ש״ץ מעוטף נאָר אין אַ טלית (שבת און יו״ט), און אַמאָל מיט טלית און תפילין — און משה האָט געזען „קשר של תפילין״ וואָס מקומו איז מאחוריו (של אדם)[18].

און דערפאַר מוז רש״י מדגיש זיין „הראהו קשר של תפילין״ — וואָרום וויבאַלד דער אויבערשטער האָט זיך באַוויזן צו משה׳ן „מעוטף״ — איז דאָך דער קשר של תפילין צוגעדעקט מיט דעם טלית, היינט ווי האָט משה געזען דער „קשר״? באַוואָרנט רש״י „הראהו קשר של תפילין״ — דער אויבערשטער האָט (כביכול, אָפּגעדעקט דעם טלית[19] במקום זה און) באַוויזן משה׳ן דעם קשר.

אין וואָס עס באַשטייט ראיית כבודו ית׳ דורך זען די „תפילין״ של מעלה — דאַרף רש״י ניט מסביר זיין, ווייל דאָס זעט אַ בן חמש אַליין[20]: מ׳זעט אַז די תפילין של ראש ליגן אויפן קאָפּ ווי אַ כתר וואָס איז מקיף את הראש, וואָס ד׳ערפאַר זיינען זיי אַן ענין פון יקר וכבוד.

און דערפאַר איז רש״י מדייק אַז „הראהו קשר של תפילין״

— און ניט די רצועות (כאָטש אַז די רצועות הענגען אַראָפּ פונעם „קשר של תפילין״ און זיינען לייגנער ובמילא — אפילו מאחוריו — זעט מען זיי מער ווי דעם קשר — ווי מען זעט עס בפשטות ביי אַן אדם למטה, אַז דער קשר פון של ראש קען אַמאָל זיין פאַרדעקט מיט דער יאַרמולקע, דאַקעגן די רצועות הענגען אַראָפּ למטה) —

ווייל דאָס וואָס די תפילין של ראש זיינען ווי אַ זר[21] וכתר (ובמילא אַן ענין של כבוד) איז אָפּהענגיק פון דעם קשר, וואָס ער טוט אויף אַז די (רצועות ה)תפילין זאָלן זיך האַלטן און זאָלן זיין מהודק אויפן ראש.

ד. מען דאַרף נאָך אָבער פאַרשטיין בפנימיות הענינים:

וויבאַלד דער מילוי הבקשה פון „הראני נא את כבודך״ — עכ״פ אין דעם אופן פון „וראית את אחורי״ — איז

16) אבל צ״ע אם אפ״ל ע״ד הפשט שזה נק׳ ראיית „אחורי״. ובפרט שטלית אינו שייך דוקא ל„אחורי״ האדם.

17) אף שיש ציווי כללי (שבת קלג, ב) „התנאה לפניו במצות כו׳ סוכה נאה כו׳ ציצית נאה כו׳״.

18) דקשר של תפילין כאן קאי בפשטות על השל ראש (שהרי זהו הפירוש למ״ש „את אחורי״). וכמובן גם מרש״י ברכות ומנחות שם. וראה תיב״ע ופי׳ יונתן כאן. ואכ״מ.

19) כי ראיית משה היתה לאחרי קריאת הי״ג מדות (שזו היתה בעת „ויעבור ה׳ על פניו״ — לד, ו), וכפרש״י (לג, כג) „כשתסתלק הנהגת כבודי מכנגד פניך ללכת משם ואילך״. וראה הערה 14.

20) גם אם לא ידוע עדיין ממחז״ל (מגילה טז, ב) „ויקר אלו תפילין״ (ראה גו״א כאן). ולהעיר מרש״י ס״פ בא.

21) שנעשה לכבוד בארון ושולחן ומזבח הזהב — כנלמד כבר בפ׳ תרומה ותצוה.





געקומען צוזאַמען, איז דער זעלבער צייט, ווען דער אויבערשטער האָט אים געלערנט דעם „סדר תפלה״ פון אמירת י״ג מדות הרחמים —

איז דאָס זיכער ניט אַן ענין צדדי, אַז ביים לערנען משה׳ן דעם „סדר בקשת רחמים״ האָט דער אויבערשטער אים געלאָזט זען כבודו ית׳ בבחי׳ „אחורי״ —

נאָר דאָס איז אַן ענין עיקרי אין דעם „סדר בקשת רחמים״; כדי אַז דער לימוד „סדר בקשת רחמים״ זאָל זיין בשלימות, האָט געדאַרפט זיין דערביי דער „וראית את אחורי״ — „הראהו קשר של תפילין״.

וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדים הביאור אין דעם וואָס דער „סדר תפלה״ איז אין אַן אופן וואָס „רואה אותי מעוטף וקורא י״ג מדות״, וואָס אין דעם איז ניט מובן: דער (עיקר) ענין התפלה איז דאָך די אמירת י״ג מדות הרחמים, וואָס זיי פועל׳ן דעם „וחנותי״ און „ורחמתי״ — וואָס איז דאָ נוגע אַז זיי זאָלן געזאָגט ווערן בעת מ׳איז „מעוטף״ דוקא?

ה. ווי״ל איינע פון די ביאורים אין דעם:

כללות ענין החטא — וואָס צוליב דעם איז מען מתפלל און מ׳איז מעורר רחמים מ׳זאָל ניצל ווערן פונעם עונש אויפן חטא — נעמט זיך פון „שכחה״ (ובכלל איז „שכחה״ נעמט זיך פון קליפה[22], משא״כ אין קדושה, איז „אין שכחה לפני כסא כבודך״[23]).

אידן זיינען דאָך „מאמינים בני מאמינים״[24]. יעדער איד גלויבט באמת אַז „בראשית ברא אלקים״ שמים וארץ וכל צבאיהם, און דער אויבערשטער איז „מחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית״ — יעדער טאָג (און יעדער רגע[25]) איז השי״ת מחדש פון-דאָס-ניי די גאַנצע בריאה, מאין ואפס המוחלט ממש — און ווי דער אַלטער רבי איז ממשיך אין תניא[25] — „כמו לפני ששת ימי בראשית ממש״.

שטעלט זיך די שאלה: ווען אַ איד דערהערט אַז אין דער רגע איז ער ערשט באַשאַפן געוואָרן מחדש פון דעם אויבערשטן, און אַז אין אַ רגע אַרום דאַרף ער ווייטער אָנקומען צום דבר ה׳ צו מחדש-זיין זיין מציאות מאין ליש — ווי איז דאָס מעגלעך אַז דער איד (זייענדיק אפילו, ח״ו, דער גרעסטער בעל תאוה) זאָל ניט אויספאָלגן דעם רצון פון אויבערשטן (ניט צו ממלא תאוה זיין), וואָס פון אים ב״ה הענגט אָפּ זיין גאַנצע מציאות — צוזאַמען מיט זיין תאוה — אין דער רגע ממש?

און אפילו ווען אים דוכט זיך, אַז ער האָט זייער אַ סך מניעות ועיכובים וועלכע שטערן אים אין זיין דינען דעם אויבערשטן —

ווייס ער דאָך אַלס אַ מאמין בן מאמין מיט דער גאַנצער זיכערקייט, אַז אויך די זאַכן וואָס שטערן זיינען אָט ערשט באַשאַפן געוואָרן דורך דעם אויבערשטן מאין ואפס המוחלט ממש „כמו לפני ששת ימי בראשית ממש״ — ובכן, קען דאָך ניט געמאָלט זיין אַז זיי זיינען (באמת) היפך רצון השם! ווי קענען זיי זיין (באמת) אַ שטער צו אידישקייט[26], צו דעם וואָס דער אויבערשטער וויל,

22) הל׳ ת״ת לאדה״ז פ״ב ה״י בסופה (וש״נ).

23) ברכות לב, ב. הל׳ ת״ת שם.

24) שבת צז, א.

25) שער היחוד והאמונה פ״א.

26) ראה לקו״ש ח״א בתחלתו. ח״ז ע׳ 52. ולהעיר מאגה״ק סי״א.